

Le quartier de Wedding répond à la police…

### Extrait n°10 de *Childe-Harold*

# Batailles de rue

***Dans le quartier ouvrier de Wedding, les affrontements avec la police sont nombreux. Une grande manifestation en réponse à cette violence déferle sur Berlin…***

50.

א שלאַכט. אויף דער נעטלבעק־שטראַסע
איז שופּאָ. אַ לאַסט־אויטאָ בלענדט.
אין חשכות — אַ ברודיקע מאַסע
פון ביקסן, באַפעלן און הענט.
אַ לייטענאַנט מיט אַ בינאַקל
פירט דעם טויט אויף אַ סיטראָיען:
— „גאַס־פריי!“... ס׳טוט די נאַכט זיך אַ שאָקל.
— קאָלעגאַ, ס׳האָט גאָרנישט געשען,
די דרעק־ליוטע ווילן ניט שטאַרבן...
— קאָלעגאַ, צי הערסטו ניט טריט?...
נאָר ס׳טרעפט, אַז אַ בלומען־טאָפּ פליט
און עפנט אַ חזירשן שאַרבן.

Batailles de rue. Nettelbek-Strasse
Les schupos. Un camion éblouissant
Strie l’obscurité. Une masse noire
De mains, de fusils, de commandements.
Un lieutenant qui porte des binocles
Conduit la mort sur une Citroën.
« Libérez la rue ! » Un sursaut de nuit.
Ohé compagnons, rien ne s’est passé,
Les salopards ne veulent pas mourir.
Entendez-vous des pas, ô compagnons ?
Parfois, pourtant, un pot s’envole
Pour fracasser le crâne d’un cochon.

53.

עס טאָגט. וועדינג שאַריעט אין שרעק,
וועדינג בלוטיקט אין שאַרן באַגינען,
ווי ס׳בלוטיקט אַ חיה ביים ברעג
פון אַ וואַלד. חלומות פאַררינען
ווי וואַסערן. יונגע ליגן
די בלוטיקע לאַפּע אין מויל:
— וואָס ס׳איז איצטער איז גרויל,
און וואָס ס׳איז געווען — איז אַ ליגן!!...
עס טאָגט. דורך אַ ראָזעוון שטויב
רינען מאַטעווע, קאַלטע קאָלירן;
אַ דינער אָראַנזש אויף די טירן,
און בלוי — וואו עס איז גאַנץ נאָך אַ שויב.

Le jour point, Wedding a peur et se terre
Wedding est sanglant dans l’aube naissante
Comme un animal qui saigne à l’orée
D’une forêt. Et les rêves s’écroulent
Comme des eaux. Jeunes corps étendus,
Une patte ensanglantée sur la bouche.
Il n’est plus rien à présent que l’horreur
Et ce qui fut n’était rien que mensonge.
Le jour point. Drainant des poussières rouges,
Pâles, glacées, ruissellent des couleurs.
Une lueur orange sur les portes,
Un éclat bleu sur les vitres intactes.

.54

דערנאָך האָט די זון אָפּגעוואַשן
די גרויע געזיכטער פון גרויל,
און יונגען — די הענט אין די טאַשן,
און די פּאַפּירעסלעך אין מויל,
געלאַכט האָבן זיי אויף די סקווערן,
און ביי דעם קאָמיטעט:
— וויר וואָלן דעם דרעק אויסקערן
פון אַלע דייטשישע שטעט...
און פענער, און בענדער, און שלייפן
געווייט האָבן רויט און ווייט;
געזונגען האָט מען אויף די הויפן
פון גרויסן קלאַסן־שטרייט.

Puis le soleil lava de son éponge
Le visage gris de l’atrocité.
Et des jeunes gens, les mains dans les poches,
La cigarette à la bouche riaient
Dans les jardins, devant le Comité :
« De leur fumier, nous voulons nettoyer
Toutes les villes d’Allemagne ! »
Drapeaux, banderoles, pancartes
Flottaient partout, rouges, jusqu’au lointain.
Et l’on chantait partout à haute voix
Le chant des grands combats de classe

.55

און בייטאָג... ס׳גייט אַ בייזער געזאַנג
פון די קעלערס, מאַנסאַרדעס און דעכער...
בלויז טריט. בלויז באַוועגונג. בלויז גאַנג.
אַ מיליאָן האָט געפּלייצט פון די לעכער.
געפלאַטערט אין רויט. אויסגעבויגן
אויף גאַסן און פּלעצער. פאָן נאָך פאָן.
בלויז אָטעם. בלויז שנאה. בלויז אויגן.
אַ קאַלטער, אַ גרויער מיליאָן.
די טירן — פאַרהאַקט. אויסגעליידיקט
די הויפן. אַ ווינט האָט געגרויזט.
אַ מיליאָן איז געשטאַנען אין וועדינג —
אַ גראָבער, פאַרבראָכענער פויסט.

C’est le jour… S’élève un chant de colère
Des caves, des mansardes et des toits.
Rien que des pas, des mouvements, des marches.
Un million sortant de tous les trous
Palpite dans le rouge. Déployé
De rue en rue. Drapeau après drapeau.
Rien que des yeux, des souffles, de la haine,
Grisâtre, et froid, un million d’humains.
Sont verrouillées les portes. Désertées
Les cours. Il souffle un vent de cruauté.
Un million s’entasse dans Wedding
Enorme poing douloureux et serré.

**Sources :** Moyshe Kulbak, « Geklibene Verk », éditions Cyco-Bicher Farlag, p. 257, 259, 260
*Le miroir d’un peuple, anthologie de la poésie yidich, 1870-1970*, textes choisis, traduits et présents par Charles Dobzynski, éditions Gallimard, p.286-287